Oplata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT פרייז 20 גראָשען

הײַנט 8 זײַטען.

# נייער פאָלקסבלאַט

אונפּאַרטייאישע פּאָליטיש=געזעלשאַפטליכע טאג=צייטונג

| Nr. 194/1489 | Łódź, Niedziela 19 sierpnia 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, ג׳ אלול תרפ"ח | Nr. 194/1489 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פּיעטריקאווער 21, טעל. 24=71

ירצליך ווערט געעפענט איז לאדז דער ערשטער

קווין=קעלער און גאסט=צימער

A. P. CZKWIANIANC, Piotrkowska 69, tel. 38-64.

מזרח=אייראָפּעאישע קוך אונטער דער לייטונג פון קוכמייסטער ה׳ וולאדיסלאוו באוואַרסקי.

ווײַן אויף ווײַן-גלעזלעך און קעלישקעס. קולעביאַקעס, שאַשליקעס, פּילאַמעס.

## בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בקאנט, אז פון 1-טען אויגוסט אַן איז איבערגעטראָגען געוואָרען

די שטאטישע פיליע

פון דער לעבענס=פייער און גנבות פערזיכערונגס=געזעלשאפט

„PRZYSZŁOŚĆ"

אויף 6=טער שערפּיען (בענעדיקטא) 3, 1=טען שטאק פראנט

וואו איהר קאָנט דורכפיהרן אַ גוטע לעבענס-פערזיכערונג און אסעקורירען זיך געגען פייער און גנבות

מיט אכטונג דירעקטאָר פון דער פיליע

מ. ה. רומקאווסקי

6=טער שערפּיען 3, טעלעפאן 09=24.

בעמערקונג: טיכטיגע אַגענטען קענען זיך מעלדען.

W dniu 15 sierpnia 1928 r. zmarł

Ś. P. JAN PILECKI

Urzędnik Lecznicy II-ej Kasy Chorych m. Łodzi.

W zmarłym instytucja straciła gorliwego pracownika, który zgórą sześć lat sumiennie wypełniał powierzone mu obowiązki.

Cześć Jego pamięci!

Kasa Chorych m. Łodzi.

מיר זענען טיף אין טרויער צוליב דעם פריהצייטיגען טויט פון אונזער חבר און מיטגרינדער פון אונזער פעראיין נ"ע

שמעון חיים בן אורשטיין

מיר דריקן אויס דעם טיפסטען מיטגעפיל דער הינטערגעבליבענער פאמיליע

גלייכצייטיג פאָדערן מיר אויף אלע אונזערע חברים לוין-וועבער אָפּצוגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער פערשטאָרבענעם חבר נעמען אנ׳אנטייל אין דער לויה וואָס קומט פאָר הײַנט זונטאג, דעם 19 אויגוסט 12 אַ זייגער פון טרויער-הויז אַלעק אַנדרער=גאַם 28.

די פערוואַלטונג פון לוין=וועבער=מייסטער=פעראיין ברזעזשינער 7.

DR. MED.

DONCHIN

ספּעציאַל=אַרצט פאַר אויגען-קראַנקהייטען

צוריקגעקעהרט קיין פוילען

נעמט אָן מאָנטאָג, דינסטאָג, מיטוואָך און דאָנערשטאָג. פון 10—1 און פון 4—7 נ.מ.

מאָניושקי 1 (Moniuszki). טעל. 9-97.

## פעראייניגטע פאך-קאמיסיע פון דאמען-מאגאזין

אַלעע 1 מאַי 2.

## ווארנונג! צו אַלע דאַמען-מאַגאַזין-מייסטער!

דער שטרייק ביים דאַמען-פאַך, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען מיטוואָך, דעם 15-טען ה. ח. איז ווייטער אין פולען קראַפט און קיינער זאָל נישט וואַגען אונטער קיין שום אויסריידען פון וואָס פאַר אַ ערקלערונגען צוצוטרעטען צו דער אַרבייט ווייל ער וועט בעהאַנדעלט ווערען ווי אַ שטרייקברעכער.

גלייכצייטיג מעלדען מיר, אַז הײַנט זונטאג, 10 אַ זייגער פריה קומט פאָר א פערזאמלונג, כדי צו בעטראַכטען די אַרויסגעשטעלטע פאָדערונג צו דער פאָרשטעהענדער קאָנפערענץ מיט די קאָנפעקציאָנערען, וועלכע קומט פאַר 8 אַ זייגער אָווענד.

מיט אַכטונג פעראייניגטע פאך קאמיסיע

פאָרזיצער: פישער; וויצע: טעיקעלטויב.

## קאָמוניקאַט פון דאַמען=מאַגאַזין=פאַך

אַלעע 1=טער מאַי 2.

ביי אויסערסט שווערע בעדינגונגען לעבען הײַנט צו טאָג די דאַמען-מאַגאַזין-שניידער. די לוינען זענען געפאַלען העכער 200 פּראָצ. די אַרבייט ווערט געצאָהלט מיט לאַנג-טערמיניגע וועקסלען. אויף אַלע ווענדונגען צו די קאָנפעקציאָנערס אויף אַ קאָנפערענץ האָבען זיי געגעבען אַנ׳אויסמיידענדיגען ענטפער. וואָס איז געווען צו טון, לאָזען דאָס פאַך זינקען אין אַזאַ קלאָגעדיגען צושטאַנד? לאָזען אָפּמעקען אַ צווייג, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג געבליהט? דער בעזונטער חוש פון די בעלי-מלאכות האָט זיי אונטערגעזאָגט, אַז אַלע ווי איינער מוזען זיי זיך פעראייניגען און אונטערנעהמען אַנ׳אַקציע.

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון פאַך האָט איינשטימיג אָנגענומען אַ בעשלוס וועגען אַנ׳אַקציע. דער פאָרשטעהער פון סאָציאַליסטישען האַנדוו. פערבאַנד אַגראַדאָווא 9, אַ געוויסער הערש גאָלדבערג, פּרובענדיג אַריינברענגען אַ סומאַטאָכע צווישען די מיטגלידער האָט גלייך בעקומען איבער די הענד, קיין איין שטימע איז נישט געווען פאַר זיין פאָרשלאַג.

די דאָזיגע לייט פון אוידענדערמאָנטען פעראיין זעהענדיג סאַ׳ן ערנסטען כאַראַקטער דער שטרייק נעמט אָן, האָבען זיך ערלויבט אויף אַזאַ אָפּען פּראָוואָקאַטאָרישען שריט: רופען צו שטרייקברעכעריי.

זיי האָבען דאָסמאָל בעוויזען, אַז זיי פעראינטערעסירט וועניג און זיי לאַכען פשוט פון די נויטען פון די בעלי-מלאכות. זייער רוף צוצוטרעטען צו דער אַרבייט האָט אָבער מעהר ווי אַ געלעכטער צווישען די מיטגלידער נישט אַרויסגערופען. די דאַמען-מאַגאַזין-שניידער וועלען מיט פעראייניגטע כחות זיך אויסקעמפען בעסערע אַרבייטס-בעדינגונגען.

מיט אכטונג

די פעראייניגטע פאַך=קאָמיסיע פון דאַמען=מאַגאַזין=שניידער=מייסטער, אַלעע 1=טער מאַי 2.

## עפענטליכע אויפפאָדערונג

### צו דער פערוואַלטונג פון האַנדווערקער=פערבאַנד, אַגראַדאָווא 9.

אין נאָמען פון אַ פערזאַמלונג פון דאַמען-פאַך, מיטגלידער פון אַגראַדאָווא 9 וואָס איז פאָרגעקומען פרייטאָג, דעם 17-טען ה. ח. איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען אַ בעשלוס, ראָס די פערוואַלטונג זאָל צוריקציהען דעם קאָמוניקאַט, וואו עס ווערט גערופען צו ברעכען דעם שטרייק און צוצוטרעטען צו דער אַרבייט און אויך די אונפאָרדינטע בעליידיגונג פון ה׳ טערקעלטויב, געגענפאַל טרעטען מיר אַרויס פון פעראיין.

פאך=קאמיסיע פון דאמען=מאגאזין ביים האנדווערקער=פערבאנד, אַגראַדאָווא 9.

גראָסמאַן, גאָלדענבערג, מאַלינאָווסקי, האַסמאַן.

Zaginiony został weksel na zł. 100.— wystawca L. Kalisz na zlecenie A. Frydman pł. 20/8-1928 Weksel zostaje unieważniony. Znalazca zechce takowy odesłać pocztą do Frydmana Franciszkańska 4, lub do administracji nin. pisma. 185

צו דער האָכצייט פון מיין ליבען שוואָגער ה׳

הערמאַן גראָסבערג

מיט פרל. סאַלאַ גראָסבערג

גראַטולירען הערצליך און ווינשען אַ גליקליכע צוקונפט:

ישראל גאָטשטיין און פרוי מאַניאַ. 184

א קאָנצעסיאָנירטע

פּאַרבערײַ

מיט אַלע איינריכטונגען ווערט פון זאָפאָרט געזוכט צו פאַכטען.

אָפּערטען אונטער „עוואַליט". 183

לונא = פּארק

דאָמבראָווסקי פּלאַץ 5, רוג נאַרוטאָוויטשאַ.

טעטיג ביז 12 אַ זייגער ביינאַכט

לטובת דעם אָלימפּיאַדע = פאָנד

נאָר א קורצע צייט!

אונגעוועהנליכע עמאָציעס! נישט-געוועזענע אַטראַקציעס!

אויסגעצייכענטע מוזיק!

